# בערלין־פּאַריז:
## עכאָס פֿון שחיטות און נקמות אין ליטעראַטור און געשיכטע

.1



אין 1921 ווערט בערלין אויפֿגעטרייסלט פֿון אַן אַטענטאַט: מעכמעט טאַלאַאַט פּאַשאַ, דער אָרגאַניזאַטאָר פֿונעם אַרמענישן גענאָציד (1915–1916), איז געפֿאַלן אונטער די קוילן פֿון סאָגאָמאָן טעליריאַן, אַן אַרמענער וואָס איז אויסן געווען נקמה צו נעמען פֿאַר זײַן פֿאָלק. עס זענען אַריבער פֿינף יאָר און אַ צווייטער אַטענטאַט איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז: דעם 25סטן מײַ 1926 איז סימאָן פּעטליורא, וועמען מע האָט געהאַלטן פֿאַרן הויפּט־פֿאַראַנטוואָרטלעכן פֿאַר די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע אין די יאָרן 1919–1921, דערשאָסן געוואָרן דורכן ייִדישן פּאָעט און זייגער־מאַכער שלום שוואַרצבאַרד. אין אָקטאָבער 1927, נאָך אַ פּראָצעס וואָס האָט פֿאַרקלונגען די וועלט, מיט אַנרי טאָרעס ווי דער פֿאַרטיידיקער, האָט מען שוואַרצבאַרדן פֿרײַגעזאָגט.

אין דעם דאָזיקן בילד
שרײַבט זיך אַרײַן אַ
דערציילונג פֿון דעם אין
אוקראַיִנע געבוירענעם
ייִדישן שרײַבער דוד
בערגעלסאָן (1884–1952),
„צווישן עמיגראַנטן"
(בערלין, 1923). זי שטעלט
פֿאָר אַ לעבן־געבליבענעם
פֿון די פּאָגראָמען וואָס
וויל זיך נוקם זײַן אין אַן
אוקראַיִנישן אַטאַמאַן אין
בערלין. אָט דער טעקסט,
אַן עכאָ פֿונעם אַטענטאַט
אויף טאַלאַאַט פּאַשאַן,
שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ
ליטעראַרישע פֿאַרבינדונג
צווישן ביידע נקמות.



.3



.4


.5

אין דער זעלבער תּקופֿה ווי בערגעלסאָן, געפֿינט זיך אין בערלין אליהו טשעריקאָווער (1881–1943), אַ היסטאָריקער און מיטגרינדער פֿון ייִוואָ. ביידע, פֿאַרשטייער פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿאַר די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע, האָבן זיי אויסגעקליבן די הויפּטשטאָט פֿון דער ווײַמאַרער רעפּובליק ווי זייער ערשטן מקום־מיקלט. בערגעלסאָן ווי אַ שרײַבער און טשעריקאָווער ווי אַ היסטאָריקער האָבן געלאָזט זייער חותם אויף דער ייִדישער קולטור־לאַנדשאַפֿט פֿון דער שטאָט. טשעריקאָווער האָט אין אוקראַיִנע צונויפֿגעזאַמלט אַן אַרומנעמיקן אַרכיוו גבֿית־עדותן פֿון די פּאָגראָמען. די ווערטפֿולע זאַמלונג איז אין געהיים אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד קיין בערלין אין 1921. אין 1927 האָט מען זי אַריבערגעפֿירט אין פּאַריז ווי אַ שטיק בײַ שוואַרצבאַרדס פּראָצעס. זי האָט טאַקע געשפּילט אַ שליסל־ראָלע אין זײַן באַפֿרײַונג. נאָכן עדות זאָגן אויפֿן פּראָצעס האָט טשעריקאָווער באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין פּאַריז אין 1933 און אײַנצואָרדענען דאָ די היסטאָרישע סעקציע פֿון ייִוואָ. ביז זײַן אַוועקפֿאָרן אין ניו־יאָרק אין 1940 שפּילט ער פֿון פּאַריז אַ פֿירנדיקע ראָלע אין דער ייִדישער קולטורוועלט.

.9






.8

1. סאָגאָמאָן טעליריאַן.
2. סימאָן פּעטליוראַ.
3. אַנרי טאָרעס.
4. שלום שוואַרצבאַרד אויף דער הילע פֿון דער שאָס אויף פּעטליוראַן (וואַרשע, אָן יאָר).
5. דוד בערגעלסאָן.
6. און 7. אַדרעס פֿון ייִוואָ לעבן טשעריקאָווערס אַדרעסן אין בערלין און פּאַריז.
8. געזעלשאַפֿט פֿרײַנד פֿון ייִוואָ (פּאַריז).
9. ז' 1 פֿון הײַנט מיט אַן אַרטיקל וועגן שוואַרצבאַרדס פֿרײַזאָגונג (27 אָקטאָבער 1927).
10. אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון שוואַרצבאַרדס פּראָצעס.